בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

פ"ד

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**ותרן הייתי בממוני**

**קיינמאל נישט אפגענארט!**

**לעולם יהא אדם ענוותן כהלל**

**מידת הוותרנות**

**פוסעים בו פסיעה קטנה**

**חדש!**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**ב'קו 'מערכת ברסלב'**

**ארה''ק: 02.560.7387**

**ארה''ב: 646.585.2985**

**ענגלאנד: 0330.390.0487**

**בעלגיע: 03.808.1775**

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #84**

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זצ"ל


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $15 עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים

**נא לפנות אל מס'**

**(+1) `347-232-7166**

בס"ד

# ~ כי תצא, תשל"ה ~

(טייפ מס' 98#)

## ותרן הייתי בממוני

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' פ"ד) **"איתא בגמרא: במה הארכת ימים? אמר לו: ותרן הייתי בממוני"** (מגילה כח.).

**"לבאר זה, צריך לידע מה דאיתא בזוהר הקדוש** (נשא דף קכג.)**, וזה לשונו: תא חזי לשית ימי בראשית"** - די זעקס טעג פון די וואך, **"לכל חד אית ליה פרצופיה דההוא דרגא דאנהיג ליה"** - יעדער טאג האט זיך אזא מין פרצוף - פון דעם טאג, וואס ער פירט דעם טאג.

**"ולא תשכח יום דלית ביה טוב וכו'"** אין יעדער טאג איז דא עפעס א טוב, **"וכל יומא אית ליה גדר מלבר, דלא יעול כל בר-נש לההוא טוב"** - יעדער טאג האט א טוב און עס איז דא א גדר (ארום אים) אז דער מענטש זאל נישט קענען אריינגיין אין דעם טוב פון דעם טאג, **"כגון חושך דכסיא לנהורא וכו'"**.

- און וואס זאל מען טאן? עס איז דא א טוב און מען קען נישט אריינגיין אין דעם טוב - איז וואס האב איך פון דעם טוב?

- **"ובגין דא, מאן דאיהו חייבא"** - דער וואס איז א רשע, **"וייעול"** - און ער וויל אריינגיין **"למנדע רזין דאורייתא, כמה נחשים ועקרבים מבלבלין מחשבתיה דלא ייעול לאתר דלאו דילה"** ווען דער רשע וויל אריינגיין אין דעם טוב, (דאס הייסט:) וויסן די סודות פון די תורה, נעמען אים ארום נחשים ועקרבים אז ער זאל נישט קענען אריינגיין אין דעם ארט וואס עס איז נישט זיינס.

**"אבל מאן דאיהו טוב"** דער וואס איז א טוב, א צדיק - **"כל אילין נטירין אינון למימריה"** די אלע היטן אים אפ, **"וקטיגור נעשה סניגור"** די אלע נחשים ועקרבים וואס לאזן נישט אריין דעם וואס ער איז נישט ראוי - דער קטיגור ווערט א סניגור.

"ויעלון ליה לטוב הגנוז" - זיי ברענגען אים אריין לטוב הגנוז, "וימרון" - זיי זאגן אים: "מרנא, הא בר-נש טוב וצדיק וירא-שמים בעי לעיילא קדמך וכו'".

(השואל: צו וועמען זאגן זיי 'מרנא'?) (ר' בערל הײלפּערין: צום אויבערשטן!) ניין, אין דעם טאג אריין; זיי זאגן צו דעם טאג - אין דעם טוב. זיי זאגן צו דעם טוב - דער טוב איז דאך אלקות; זיי זאגן צו דעם טוב וואס ער איז דא אין דעם טאג - זאגן זיי: 'מרנא' - אזוי וועלן מיר זעהן ווייטער.

"הא בר-נש טוב וצדיק וירא שמים בעי לעיילא קדמך וכו'", איז "ההוא טוב גנוז יימא לון". דער טוב זאגט צו זיי - איז דאך פּשט אז דאס וואס זיי זאגן - זאגן זיי צום טוב, און דער טוב ענטפערט זיי קריק.

(השואל: פארוואס זאגן זיי צום טוב 'מרנא'?) זיי זענען אים מכבד, דער טוב איז דאך אלקות; 'מרנא'!

"ההוא טוב גנוז יימא לון: פתחו ליה" - עפנט אים א טיר "בהאי תרעא דאתקרי אהבה, או בהאי תרעא דאיהו תשובה, כל צדיק ייעול כפום דרגא דיליה".

- ער וויל דאך אריינגיין אין דעם טוב, און עס איז דא א גדר וואס לאזט נישט אריין אין דעם טוב - נחשים ועקרבים, אבער דער וואס איז יא ראוי אריינצוגיין, זאגן זיי צו דעם טוב: זאלסטו וויסן - דער צדיק וויל אריינגיין דא, ענטפערט דער טוב: עפנט אים אויף א טויער.

"ואין טוב אלא תורה" - וואס הייסט אריינגיין אין דעם טוב אריין? עס איז דאך אלקות, עס איז נישט קיין גשמיות'דיגע זאך; נאר (דאס מיינט) אז דער מח וויל אריינגיין אין טראכטן אין די סודות התורה - אריינגיין אין דעם טוב וואס עס איז דא אין דעם טאג.

"וכשאדם רוצה להגות ולחשוב בתורה, היינו ברזין דאורייתא" - דאס הייסט ער וויל אריינגיין אין דעם טוב פון דעם טאג, "אינון נטירין" - די שומרים, "ונחשים ועקרבים מבלבלין מחשבתיה". וואס הייסט זיי לאזן נישט? מיט וואס לאזן זיי אים נישט? זיי זענען אים מבלבל די מחשבה - ער קען נישט אריינגיין, ממילא גייט ער נישט אריין.

"ואלו הם המחשבות שבאין לאדם" - עס קומען א מענטשן מחשבות - ער וויל עפעס טראכטן אין תורה און עס קומען אנדערע מחשבות - דאס איז די "נטירין נחשים ועקרבים", וויבאלד ער איז נישט ראוי אריינצוגיין אין דעם טוב - אין דער זאך, איז מען אים מבלבל, (דערפאר) קען ער נישט אריינגיין.

זאגט דער רבי: "וכשאדם רוצה וחושק עד מאד, ופותחין לו" מען עפנט אים אויף "כנ"ל בזוהר הקדוש, אזי כל יום ויום אצלו גדול עד מאד" - אז ער גייט אריין אין דעם טוב פון דעם טאג - איז דער טאג ביי אים זייער זייער גרויס, האט ער א גרויסן טאג.

- פארוואס? "כי רואה ומשיג הטוב הגנוז, היינו רזין דאורייתא השייך לאותו היום" - ער זעהט און ער איז משיג דעם טוב הגנוז, די רזין דאורייתא וואס איז שייך צו דעם טאג.

ווייזט פון דאנעט אויס, אז אפילו ער איז נישט ראוי אריינצוגיין, אבער אז ער איז "חושק עד מאד" - ווען מיינט דער רבי "חושק עד מאד"? - אט דעם וואס זיי זענען אים מבלבל - די נטירין זענען אים מבלבל מחשבתיה - ער זאל נישט אריינגיין, אבער אז ער וויל זייער (עפנט מען אים אויף).

עס איז דא אזעלכע וואס זיי טאקע העלפט נישט - זיי קענען נישט אריינגיין אין דעם טוב אריין (היינו רשעים); און עס איז דא אזעלכע וואס זענען נישט ראוי אריינצוגיין - אבער זיי זענען נישט אזעלכע וואס דער טוב זאל זיי נישט וועלן - ער איז א ערליכע איד - נאר אריינגיין אין דעם טוב קען ער נישט - אזא איינער אז ער וויל שטארק, עפנט מען אים אויף.

עס איז דא אזעלכע רשעים וואס זיי קענען אינגאנצן נישט אריינגיין, מען איז זיי מבלבל, מען לאזט אים נישט אריינגיין אינגאנצן, זיי העלפט נישט קיין חושק עד מאד.

(אבל כאן מדבר רבינו מאחד כזה) - וואס ער איז נישט ראוי אריינצוגיין אין אזא מין טוב, אבער ער וויל זייער, עפנט מען אים!

דער רבי זאגט דאך פריער - אז נאר דער צדיק - ער איז ראוי: "בר-נש טוב וצדיק וירא שמים", דעמאלט אז ער וויל אריינגיין, זאגט מען אים: "בעי לעיילא קדמך" וכו', מיט א כבוד - מען עפנט אים אויף, אבער אזעלכע וואס זענען נישט ראוי אריינצוגיין

טראכטן אין תורה - רזין דאורייתא, לאזן זיי נישט, אז ער וויל אבער זייער - עפנט מען אים אויף!

דער רבי זאגט אין א תורה[א] – א מענטש איז זיך מייגע אין די תורה היילט ער אויס זיין נפש לשורשה.

ער איז זיך מייגע - ווייזט אויס - אז עס קומט אים נישט אן אזוי גרינג; דער צדיק, דער ירא שמים - ער גייט אריין גלייך, אים לאזט מען אריינגיין; אבער ער איז נישט אזוי - אז ער וועט זיך מייגע זיין און ער וועט וועלן, וועט מען אים אויך עפענען, אבער אים קומט נישט אן אזוי גרינג, ער מוז זיך מייגע זיין און האלטן אין איין וועלן אז מען זאל אים עפענען.

"וזה ששאל התנא: במה הארכת ימים?" - דער רבי זאגט: דעמאלט (אז מען עפנט אים אויף) איז לאנגע טעג - איז מיט וואס האסטו זוכה געווען צו האבן די לאנגע טעג? דער זוהר זאגט דאך דארט פריער: "תערא דאתקרי תשובה, אהבה" - עס איז דא 'טויערן' וואס מען לאזט אים אריין אין דעם, דער צדיק האלט דאך ביי אלעם, ער האט דעם טויער, ער האט דעם טויער.

אין די גמרא דאכט זיך מיר - 'רבי נחוניא בן הקנה' - אים האט מען געפרעגט. נו, ער איז דאך יא געווען ראוי אריינצוגיין!? (- וא"כ מה החידוש שהיה ראוי לזה?) נאר וואס דען? (אלא ששאלו אותו:) 'מיט וואס?'!

- עס שטייט אין זוהר אז עס איז דא א טויער 'אהבה', א טויער פון 'תשובה' - ובמה? ביי וואספארא טויער ביסטו אריינגעגאנגען אין דעם טוב אריין, און וואס האסטו זוכה געווען אריינצוגיין? האט ער געענטפערט: איך בין געווען א ותרן; ותרן הייסט אהבה.

"במה הארכת ימים - היינו באיזה מידה מן המידות נכנסת להטוב הגנוז, והארכת הימים שלך להיות גדולים?" און דו האסט זוכה געווען דו זאלסט האבן לאנגע טעג, ביי וואספארא טויער ביסטו אריין?

---

[א] סי' ע"ה, וזל"ש: כי צריך כל אדם לרפאות נפשו, דהיינו להעלותה למקום שרשה. וזה על ידי שמתייגע בתורה, עד שזוכה לידע אותה ולהבינה וכו', עיי"ש.

האט ער געענטפערט: "ותרן הייתי בממוני", דאס הייסט - דער טויער פון אהבה, דאס איז די מידה פון אברהם אבינו, "**והיא תרעא דאיתקרי אהבה**".

דאס איז א געוואלדיגע זאך - אז א מענטש זאל תמיד נישט זיין קיין (קפדן), שפיל נישט פונקטליך - זאל מיינס איבערגיין! מען מאכט דארטן חלקים, און איין חלק איז גרעסער - זאל ער קיינמאל נישט וועלן דעם גרעסערן חלק, נאר דעם קלענערן! זאל מיינס איבערגיין - איך וויל זיין א ותרן!

עס איז א מידה פון די מידות - ותרנות. דאס איז די מידה וואס ברענגט אהבה, און דאס איז א געוואלדיגע זאך, קען ער אריינגיין אין דעם טוב פון דעם טאג, ווייל ער איז א ותרן, ער איז א ותרן בממונו.

❖

## קיינמאל נישט אפגענארט!

עס איז געווען אין מאסקאווע איינער - אן עלטערער איד געווען, ער איז א גרויסער ערליכער איד געווען, ער איז נפטר געווארן, האט ער געזאגט פאר די פטירה: אלע יארן האט מען מיך גענארט, איך האב קיינעם נישט אפגענארט - אזוי האט ער געזאגט די ווערטער פאר די פטירה!

(רמ"ב: א ברסלב'ער?) ער איז געווען אביסל שייכות צו אונז, 'מען האט אלע יארן מיך גענארט, אבער איך האב קיינמאל קיין איד נישט אפגענארט',

(השואל: ווער האט עס געזאגט?) איינער געווען דארטן, איך האב געוואוינט מיט אים צוזאמען דארט, ער האט געדאוונט - זייער געשמאק געדאוונט!

מען האט אים זייער גע'רודפ'ט, האט ער אויסגערעכנט דאס פאר די פטירה: מען האט אלע יארן מיך גענארט - א שבח! 'ותרן הייתי בממוני' - א מידה פון די מידות.

דאס איז א מידה וואס מען קען (דורך דעם) אריינגיין אין דעם טוב אריין פון דעם טאג - דאס הייסט אהבה! שטעל זיך נישט פונקטליך, זאל איבערגיין, זאל איבערגיין מיינס! "**והוא סטרא דימינא!**"

❖

# לעולם יהא אדם ענותן כהלל

די גמרא[ב] זאגט, אז איין טאג וואס עס איז געווען די אכצן גזירות - דעמאלט איז געוועזן הלל הנשיא כפוף צו די בית שמאי - איז געוועזן אזוי ווי דער עגל - אזוי זאגט די גמרא - אז אזא מין התגברות הדינים איז געווען דעם טאג.

דער נשיא איז געווען שמאי הזקן דעם טאג. זאגט רש"י דארטן, ווייל הלל איז געווען א ותרן, געווען עפעס א מין מעביר על מידותיו - און שמאי נישט - איז געווען דער טאג אזוי קשה - אזוי ווי ווען מען האט געמאכט דעם עגל.

זעען מיר - עס איז עפעס א ענין פון א 'ותרן', ער שטעלט זיך נישט פונקטליך, זאל איבערגיין - "ותרן הייתי בממוני"!

דאכט זיך מיר, אז דאס האט מען געפרעגט רבי נחוניא בן הקנה, ער איז געווען אין אנדערע (מידות) אויך (אויסגעארבעט) - א תנא אין די גמרא! נאר וואס דען? א תנא אין גמרא האט אויך וואס צו זאגן, א תנא קען דאך רעדן אסאך זאכן (היה יכול למנות מידות טובות אחרות שהיו לו, ועכ"ז) האט ער געזאגט דאס - דערפאר האב איך געהאט לאנגע טעג, ווייל איך בין געווען א ותרן אין די געלט - דאס איז אהבה - בין איך אריינגעגאנגען דורך דער "תרעא דאתקרי אהבה"! עס איז א מידה!

❖

## מידת הוותרנות

"**ואיתא בתיקוני זוהר** (תיקון ע' דף קיח)**: מסטרא דימינא, מוחא חוורא ככספא**" - עס שטייט אין תיקוני זוהר: מסטרא דימינא - דאס הייסט פון דעם ענין פון אהבה, ותרן, איז די מוחין זיינע. ער האט אזא מין ריינעם מוח אזוי ווי כספא; 'חוורא' הייסט ווייס (לבן), אזוי סתם דינים - איז א מין פון 'רויטקייט' - נישט 'ווייס'.

---

[ב] שבת יז.

די מוחין זענען - "ונוזלים מן לבנון"[ג] - זאגט דער זוהר[ד] - מן ליבונא דמוחא, פון דעם מוח ווערט ארייגעצויגן חיות אין אלע גידין.

דער רבי רעדט אין תורה כ"ט[ה] - 'בגדיך לבנים'[ו] - [אל תקרי בְּגָדֶיךָ אלא] בְּגִידֶיךָ לבנים[ז] - אז דער מענטש איז זוכה - גייט אריין פון דען מח א ווייסקייט אין אלע אדערן - זענען אלע אדערן לבנים, די אדערן ברענען נישט (צו די תאוות) אז זיי זענען לבנים.

"בכל עת יהיו בגדיך לבנים" - זאגט דער רבי: 'בגידיך', דאס הייסט מסטרא דימינא וכו'.

"היינו, שכל המקטרגים וכל הנחשים ועקרבים, היינו המחשבות זרות שמבלבלין מחשבתיה" – ווערן זיי – "חוורא ככספא" ווי מיר האבן פריער גערעדט, אז עס מיינט נישט נאר דער דאזיגער וואס איז געווען א צדיק, ער גייט דאך אריין גלייך אין דעם טאג אריין; נאר (מען מיינט אזא איינעם וואס) ער האט נאך עפעס בלבולים, נחשים ועקרבים, מחשבות זרות, נאר ווייל ער איז א ותרן ווערן זיי חוורא ככספא.

"ולכך נאמר באברהם (בראשית כד): 'ואברהם זקן בא בימים', היינו שהיו כל הימים שלו שלמים וגדולים" - גרויסע טעג, שלמים - אז נישט איז עס גארנישט קיין

---

[ג] שיר השירים ד, טו.

[ד] זוהר פנחס רלה: "וְתַּמָּן חָכְמָה מוֹחָא, וּמִנֵּיהּ, "מַעְיַן גַּנִּים בְּאֵר מַיִם חַיִּים וְנוֹזְלִים מִן לְבָנוֹן". דְּאִיהוּ לִבּוּנָא דְמוֹחָא".

[ה] וזל"ש באות ד': ולתקן כל העבירות בפרטיות הם רבים מאד, וכבד על האדם, ואי אפשר לתקן אותם, כי יש דקדוקים ופרטים רבים בכל לאו ולאו. בכן צריך לתקן כלליות הגידים, שהוא בחינת (דברים ד'): "ויגד לכם את בריתו" (עיין זוהר וישלח קע"ו), ואז, על ידי תיקון הברית, שהוא כלליות הגידין, נתתקן ממילא כל הלאוין שעבר, ונמשך להם לבנונית. ועל שם זה נקרא כלליות הגידין שהוא הברית קודש, 'שדי' (עיין לעיל בסי' יא אות ג), על שם ששדי ויורה כחץ (עיין רש"י ע"פ ברכות שדים ורחם) לבנונית ותיקונים לכל פרט ופרט כפי צרכו, ואפילו למקומות הצרים והדקים. כי יש מקומות צרים ודקים שאי אפשר לבוא לשם שום תיקון כי אם על ידי תיקון הכללי, שהוא זורק לבנונית ותיקונים גם למקומות הצרים והדקים.

[ו] קהלת ט, ח.

[ז] שם אות ג': כי יש כ"ח [עשרים ושמונה] עתים, עתים לטובה, עתים לרעה (קהלת ג). וצריך להכניע שפחה בישא, שהיא עת רעה. בבחינת (קהלת ט): "בכל עת יהיו בגדיך לבנים", 'בכל עת' דייקא. 'בגדיך לבנים', הינו בלא רבב, היינו בחינת טהרת השכינה מנידתה, בבחינת 'דם נעכר ונעשה חלב' (בכורות ו: נדה ט). והרשעים בעוונותיהם גורמין אפרשותא בין קודשא בריך הוא ושכינתיה, כי גורמין לה דם נדה, ואז היא נקראת עיר הדמים (יחזקאל כ"ב וכ"ד:) (נחום ג'), ועל שם זה רשעים נקראים אנשי דמים (תהלים נה). כי שס"ה לא תעשה תלויים בשס"ה גידים, ששם תהלוכת הדמים. ולפי בחינת לא תעשה שעוברים, כן מעוררים דם נדה להשכינה, כי כמה מיני דמים יש (נדה יט). בכן צריך להמתיק את הדמים האלו, היינו לתקן הלאוין שהם הגידין, ולהמשיך להם לבנונית, בבחינת: 'דם נעכר ונעשה חלב'. וזהו: בכל עת יהיו בגדיך לבנים - בגידיך דייקא, להמשיך להם לבנונית!

טאג, דער רבי זאגט דאך פריער: "אזי כל יום ויום אצלו גדול עד מאד", אז ער גייט אריין אין דעם טוב אריין פון דעם טאג, איז דער טאג ביי אים זייער גרויס, 'גדול עד מאד'.

גאנצע טעג - איז גאנצע; אבער אז ער איז גרויס - איז נאך מער ווי גאנץ! גאנץ - פעלט נישט אין דעם טאג, אבער ער איז זייער גרויס, 'גדול עד מאד' - דאס איז נאך מער ווי גאנץ.

"כי מסטרא דימינא מוחא חוורא ככספא, ומן הקטיגור נעשה סניגור" - די אלע מחשבות זרות וואס זענען אים מבלבל ווערן איצטער סניגור - זיי העלפן נאך צו, "והיה יכול לבוא בכל יום" – ער קען אריינקומען – "בכל יום אל הטוב הגנוז השייך לו".

- "השייך לו" - ביי יעדן איינעם איז שייך עפעס א טוב, די מקטריגים לאזן אים אבער נישט אריינגיין, מען פארשטעלט אים, עומד על דעתו - זיי ווילן נישט מוותר זיין גארנישט, איז פארמאכט דער טויער.

(אחד הנוכחים: "השייך לו" גייט ארויף אויפן טאג!) יא יא, "השייך לו" - וואס איז שייך צו דעם טאג!

עס איז א מידה, עס איז א מידה פון די מידות! זיין א מוותר דאס איז פון די גרויסע זאכן, א גרויסע זאך, דאס רעדט זיך אפילו - מען קען זיין גרויס מיט תורה, מיט תפילה, מיט מצוות - און מען איז א פונקטליכער; 'איך בין נישט מוותר - איך וויל נישט מוותר זיין'...

❖ ❖ ❖

## פוסעים בו פסיעה קטנה

(לומד תורה פ"ה)

(לשון רבינו ז"ל:) "פוסעים בו פסיעה קטנה"[ח] - די תורה'לע איז א תורה - ווען מיר לערנען, אבער מען ווייסט נישט קיין פשט אין דעם.

---

[ח] זמר כל מקדש - ליל שבת קודש

"כי מתחילה המלכות היא אצל זעיר אנפין, בבחינת 'אושיט פסיעה לבר', כמובא בזוהר הקדוש[ט]. 'סועדים בו', פירוש, כשאנו רוצים לתקנה ולגדלה בבחינת סעד ועזר כנגדו, שיהא פנים בפנים. 'ולברך שלש פעמים', פירוש שצריך להאיר את נצח הוד יסוד דזעיר אנפין, כי משם עיקר בניינה. 'צדקתם תצהיר' - פירוש על ידי מה מתברכין נצח הוד יסוד דזעיר אנפין? על ידי המוחין שהוא מקבל כמובא".

"והמוחין הם ארבע: 'חכמה בינה חסד וגבורה', והם מלובשים 'בנצח הוד יסוד' דבינה. וזה בחינת: 'כאור שבעת הימים', שהם סוד שין של שלשה ראשין ושין של ארבעה ראשין" (עד כאן לשונו רביז"ל).

- שוין, מיר האבן געלערנט דאס לשון פון רבי'ן און שוין.

ר' אלחנן איז געזעצן אמאל ביי די תורה, (אמרתי לו:) נו, זאגט דא וואס דער רבי זאגט!

(ענה:) דו זעסט דאך אויך וואס דער רבי זאגט! שוין, ער וויל נישט זאגן (אע"פ שהיה יודע היטב קבלה).

לערנען - לערנען מיר אזוי - וועלכעס איז די שבעת הימים? די פיר מוחין [חכמה בינה חסד וגבורה] און די דריי: נצח הוד יסוד [דבינה] - דאס איז שבעת הימים, איז דאך דא דריי און פיר, איז - 'שין של ג' ראשין', און 'שין של ד' ראשין'.

❖ ❖ ❖

(בהמשך לומד רלוי"צ בתורה פ"ו)

---

[ט] בלק דף ר"ג: וכמבאר בכתבי האר"י, זכרונו לברכה